און ס'וועט מקויים ווערן בא יעדערן דאס וואס מ'גייט באלד לייענען בתפלת מנחה: "ויקרא אל משה וידבר ה' אליו מאוהל מועד לאמר, דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אדם כי יקריב מכם קרבן לה'" – ווי דער אלטער רבי איז מבאר[123], אז יעדער איד דארף מקריב זיין זיין נה"ב, און אלע דרגות שבזה – "מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן" (כמבואר אויך אין דעם מאמר ההילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[124], וואס ער האט געגעבן לערנען ליום הילולא שלו),

און מ'איז דאס מקריב "כמצות רצונך", בביהמ"ק השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך ה' ימלוך לעולם ועד"[125]!

* * *

לב. [המשיך לדבר ע"ד מצב האחרון בקשר עם ה"מיך חרדא דדמא על אפי מיא". ובהמשך זה אמר – שאין מה להתפעל ממהרהרי ריב, וליצנים, ואלו שכוונתם היא להתייהר או להתגרות וכו'. ובהמשך לזה – אמר:]

עס שטייט אין ספרים דער פירוש אין "פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון" – אז מ'גיט יעדער בעל-חי אלץ וואס ער וויל האבן.

האב איך געקלערט: ווי קען מען אזוי זאגן בנוגע צו אזוינע וואס זיינען ניט קיין צדיקים און אפילו ניט קיין בינונים – וואס זיי האבן דאך רצונות אין ענינים בלתי רצויים – איז ווי קען מען זאגן אז מ'גיט זיי נאך כפי רצונם?

איז דער ביאור בזה פארשטאנדיק ע"פ המבואר אין ספרי מוסר בנוגע צו "כף הקלע", אז לאחרי ווי ער לעבט אפ זיינע יארן בעלמא דין (אריכות ימים ושנים, וויפל אים איז באשערט) שלײדערט מען זיין נשמה ממקום למקום, און מ'באוויזט דעמולט א מענטשן א דמיון פון די זאכן אין וועלכע ער איז געלעגן זייענדיק א נשמה בגוף בעוה"ז הגשמי.

איז א איד וואס האט געלערנט תורה – וועט ער דעמולט זיצן אין גן עדן און לערנען תורה מיט די תנאים ואמוראים וכו'.

משא"כ אזא וואס זיין רצון ותענוג איז געלעגן אין אנדערע זאכן, אין מאכן ליצנות וכיו"ב – וועט מען אין דעמולט געבן "לכל חי רצון", ימים מלאים דיו, און כל עורות לקלף, און א סך פענעס, ער זאל קענען שרייבן ליצנות בלי גבול. און מ'וועט אים אויך

---

123) לקו"ת ויקרא ד"ה אדם כי יקריב (ב, ב ואילך). 124) ד"ה באתי לגני תש"י. 125) בשלח טו, יז-יח.

הנחת הת' בלתי מוגה

געבן "שדין יהודאין", וואס וועלן אים געבן יישר-כח און אים קלאפן אויף די פלייצע, און זאגן אז ס'איז נאך ניט געווען אזא גרויסע ליצנות-מאכער ווי ער...

וואס דאס איז ע"ד ווי דער רמב"ם שרייבט*[125] בנוגע צו דער שכר הרוחני בעוה"ב, אז עס זיינען דא צוויי סוגים פון מענטשן: די "חכמים ובעלי דעה", וואס ווייסן אז די אלע תענוגים גשמיים זיינען "דברי הבאי והבל כו' ואין בהם תועלת", און דער עיקר איז תענוג הרוחני פון דער נשמה. בקצה השני זיינען דא די וואס "טפשים כו'" (איך וויל ניט איבער'חזר'ן די תוארים) וואס מיינען אז דער עיקר איז די תענוגים גשמיים וכו'.

און דעריבער: די וואס מיינען אז דער עיקר תענוג איז פון דברים גשמיים און ליצנות וכו' - וועט מען אים דאס אויך געבן לאחרי מאה ועשרים שנה.

ועד"ז בנוגע צו די אנדערע דריי כתות וואס ווערן גערעכנט צוזאמען מיט כת הליצנים שאינם מקבלים פני השכינה[126].

ועד"ז אויך בנוגע צו די וואס מאכן ענג אנדערע אידן, און רעדן שווערע ווערטער אויף אנדערע אידן, ר"ל.

לג. און בכדי וויסן און דערקענען אין א מענטשן צו וועלכע סוג ער געהערט - האט תורה געגעבן דריי סימנים: ביישנים, רחמנים, גומלי חסדים[127].

בכח זיינען דא די סימנים ביי אלע אידן, אבער בכח איז ניט א סימן, א סימן זעט מען בגלוי (און דערפאר קען מען מחזיר זיין אן אבידה דוקא מיט א סימן, ווייל מ'זעט עס בגלוי), ובנוגע לעניננו - מ'זעט בגלוי אין זיין הנהגה בפועל אז ער איז א ביישן, א רחמן און א גומל חסד[128].

לד. ויש להעיר בזה:

אין גמרא[129] איז דער סדר: רחמנים, ביישנים וגומלי חסדים. אבער דער רמב"ם איז משנה דעם סדר און שרייבט[130]: ביישנים, רחמנים, גומלי חסדים.

---

*125) הל' תשובה פ"ח ה"ו. 126) סוטה מב, א. 127) נסמן לקמן הערות 129-130. 128) ראה גם מכתב כללי דכ"ה אדר שנה זו. 129) יבמות עט, א. וכ"ה בבמדב"ר פ"ח, ד. ירושלמי קידושין פ"ד ה"א. 130) הל' איסו"ב פי"ט הי"ז. וכ"ה בדב"ר פ"ג, ד. בית שמואל אה"ע ס"ב סק"ה.

הנחת הח' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ויש לומר הביאור בזה:

דער רמב"ם שרייבט דעם סדר ווי דאס איז ע"פ הלכה ("הלכות הלכות") פאר יעדער איד, "לקטן ולגדול"[131], אפילו אזא וואס האלט בא תחלת העבודה.

דעריבער איז דער סדר אין רמב"ם פריער "ביישנים" און דערנאך "רחמנים" - ווייל ווען איז דאס אן אמת'ע רחמנות ע"פ קדושה, דוקא לאחרי ווי מ'זעט אז דער רחמן איז א ביישן.

כמבואר בכ"מ[132] החילוק צווישן דער חסד (ורחמנות) פון ישמעאל און דער חסד (ורחמנות) פון אברהם אבינו: חסד ישמעאל קומט מצד דעם ענין הגאוה, משא"כ חסד אברהם קומט מצד ביטול. וואס דערפאר שטייט דער סדר "משפט וצדקה"[133], פריער מאכט ער א דין ומשפט (בושה), און דערנאך איז ער א חסדן ורחמן (צדקה ורחמים)[134].

ובפשטות:

אויב די רחמנות קומט פאר דעם ענין הבושה - קען זיין אז דאס קומט ניט מצד הקדושה, נאר מצד דעם וואס דער רחמן האלט זיך פאר דער גרעסטער מענטש אין דער וועלט, ובמילא האט ער רחמנות אויף אלע אנדערע מענטשן אויף דעם וואס זיי שטייען נידעריקער פאר אים און קומען ניט לקרסוליו, ועאכו"כ לגובה שלו. ועד כדי כך איז די רחמנות (לדעתו), אז ער נידערט זיך אראפ צו די אנדערע מענטשן און רעדט מיט זיי און קלייבט זיך מיט זיי צוזאמען, אע"פ וואס זיי בוקן זיך ניט צו אים.

משא"כ אויב זיין רחמנות קומט נאכדעם וואס מ'זעט אז ער איז א ביישן - פארשטייט מען אז דאס קומט מצד הקדושה: היות אז ער איז א ביישן, ער שעמט זיך פון זיך אליין, עאכו"כ אז ער שעמט זיך פון אנדערע, און ער האלט זיך נידעריקער פאר זיי - דאס ברענגט אז ער זאל זיין א רחמן, ער זאל רחמנות האבן אויף אנדערע.

למאי נפק"מ בפועל צווישן די צוויי אופנים ברחמים? לכאורה מצד דעם מקבל איז אים קיין נפק"מ ניט צי ער באקומט די השפעה פון א בעל גאוה ובעל ישות אדער פון א ביישן?

---

131) ל' הרמב"ם בהקדמתו לספר היד. 132) תו"ח תולדות ג, ד ואילך. ס' הליקוטים-דא"ח צ"צ ערך ישמעאל. רש"ב. סה"מ תש"ט ע' 4 (השני). 133) תהלים צט, ד. 134) תו"א בשלח סג, ב. סה"מ תש"ט שם. ועוד.

איז דער נפק"מ בפשטות ובנוגע לפועל: אויב דער מקבל וועט אנרירן בכבודו פון דעם בעל גאוה - וועט דער בעל גאוה ניט נאר קיין רחמנות ניט האבן אויף אים, נאר ער וועט זיך פירן מיט די גרעסטע אכזריות און ער וועט נוקם ונוטר זיין אין אים כנחש הקדמוני, און ניט נאר כנחש, נאר נאכמער דערפון, באופן פון "אחת דתו" - ווי מ'זעט עס בפועל.

לה. דאס איז דער ביאור אין דער סדר אין רמב"ם. משא"כ אין גמרא, וואס דאס איז שייך צו אזא וואס איז שוין בן חמש עשרה לגמרא[135], ער האט שוין געלערנט מקרא ומשנה וכו' - דארף מען אזא זאך ניט באווארענען. דעמולט דארף מען באווארענען אן אנדער זאך, אז לאחרי ווי יענער איז א רחמן מצד הקדושה, ער קוקט זיך צו און פאראינטערעסירט זיך אין דעם מצב פון א צווייטן און האט אויף יענעם רחמנות - קען דאס אים ברענגען א רגש פון היפך הבושה - זעענדיק אז יענער איז שלא בערך למטה ממנו און דארף אנקומען צו אים (דער רחמן), במילא ווערט ער א גדול בעיני עצמו.

דעריבער באווארנט די גמרא, אז לאחרי "רחמנים" קומט "ביישנים" - אז נאך די רחמנות דארף מען באווארענען אז מ'זאל בלייבן א ביישן, ווארום אויב דאס ברענגט צו גאוה - איז א סימן אז די רחמנות איז ניט געווען אינגאנצן מצד הקדושה, ווייל קדושה קען ניט ברענגען א זאך פון היפך הקדושה.

אדרבה: דאס גופא וואס דער אויבערשטער האט אים מזכה געווען מיט רחמנות האבן און העלפן א צווייטן אידן - דארף ביי אים ברענגען די גרעסטע בושה וביטול!

און אך-און-וויי צו דעם אז ער זאל באקומען גאוה פון דעם וואס דער אויבערשטער האט עפעס צוגענומען פון א צווייטן בכדי אים מזכה צו זיין מיט א מצוה צו רחמנות האבן און העלפן א צווייטן!

כמבואר במדרש[136], אז דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן עניים ועשירים בעולם - איז ווייל "חסד ואמת מן ינצורוהו"[137], "אם יהיו כולם עשירים...מי יוכל לעשות חסד", מ'האט געגעבן דעם עשיר געלט (און דעם עני האט מען ניט געגעבן געלט) ניט ווייל ער איז גרעסער פארן צווייטן, נאר בכדי אים מזכה זיין מיט די מצוה פון צדקה[138].

---

135) אבות ספ"ה. 136) תנחומא משפטים ס. שמו"ר פל"א, ה ובידי משה שם. 137) תהלים סא, ח. 138) ראה סה"מ תרכ"ז ע' שצס. סה"מ קונטרסים ח"א לה, סע"א ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ווי די מעשה וואס איך האב געהערט פון רבי'ן דעם שווער, אז זייענדיק אויפן שיף אוועקפארנדיק פון ארץ ישראל (בשנת תרפ"ט) איז אנגעקומען די ידיעה וועגן די פרעות אין חברון וואו עס זיינען גע'הרג'ט געווארן ר"ל כו"כ מבני ובנות ישראל. האט דאס אים געשאט אין געזונט און ער האט דערפון געהאט א נירן-אנפאל.

אויפן שיף איז דעמולט אויך געווען דער באוואוסטער דר. וואלאך פון ירושלים. האט ער אים געגעבן תרופות און האט אים איינגאנצן אויסגעהיילט139.

דערנאך איז דער דאקטאר אריין צום שווער און אים געבעטן א תיקון. האט אים דער שווער געפרעגט: צוליב וואס דארף ער א תיקון - ער האט דאך אים אויסגעהיילט? האט ער געענטפערט: ס'איז דאך א דבר ודאי אז דער רבי דארף זיין געזונט, ווארום רבים צריכים לו, וכל הדור צריך לו, און ער דארף זיין א מנהיג ישראל נאך כו"כ שנים. און די ראי' לזה (אז ער דארף זיכער זיין געזונט) - איז דערפון גופא וואס ער איז דערנאך אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן. איז דערפון פארשטאנדיק, אז אויב דער דאקטאר וואלט ניט געווען אויפן שיף - וואלט דער אויבערשטער מלכתחילה ניט צוגעלאזט אז ער זאל לכתחילה האבן דעם אנפאל, ווארום אויפן שיף וואלט ניט געווען אזא וואס קען דאס אויסהיילן. דעריבער בעט ער - דער דאקטאר - א תיקון אויף דעם וואס ער האט דאס גורם געווען.

לו. ויה"ר אז בקרוב ממש זאל מען זען בגלוי ווי "כבוד ה' מלא את המשכן", אין דעם ביהמ"ק השלישי - כפס"ד הרמב"ם140 אז דער ציווי אויפן משכן "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" איז כולל אלע בתי מקדשות, בית ראשון, שני ושלישי, במילא וועט אויך דער ענין פון "כבוד ה' מלא את המשכן" זיין אין ביהמ"ק השלישי,

וואס ער איז בנוי ומשוכלל למעלה, און מ'דארף אים נאר מוריד זיין למטה מעשרה טפחים,

בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאווא".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

------ * ------

139) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ס"ע ר ואילך. 140) ריש הל' בית הבחירה.

הנחת הת' בלתי מוגה